**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/21/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט דאס פארענדיגן פון 21.7 מיליאן דאלערדיגע צוגענגליכע און שטיצנדע האָוזינג דעוועלאפמענט אין איטאקא**

***׳וועסט ענד הייטס׳ אנטהאלט 60 צוגענגליכע דירות מיט אויפ׳ן-ארטיגע שטיצע סערוויסעס אין ענערגיע-גינציגע געביידע***

***אינוועסטירונג דערגאנצעט ׳סאָוטערן טיער סאָורינג׳ — דער ראיאן׳ס ארומנעמיגע סטראטעגיע אויף ווידער-אויפלעבן געגנטער און וואקסן דער עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אנאנסירט אז קאנסטרוקציע איז פערטיג געווארן אויף א 21.7 מיליאן דאלערדיגע צוגענגליכע און שטיצנדע האָוזינג דעוועלאפמענט אין איטאקא. די הויך ענערגיע-גינציגע געביידע באקאנט אלס ׳וועסט ענד הייטס׳ טוט אנבאטן 60 דירות, 38 פון וועלכע זענען אוועקגעלייגט פאר מענטשן וועלכע נייטיגן זיך אין שטיצע סערוויסעס אויף צו קענען וואוינען פאר זיך.

״צוטריט צו הויכע קוואליטעט, צוגענגליכע און שטיצנדע וואוינונגען וואו ניו יארקער קענען וואוינען און בליען איז א גרונטשטיין פון מיין אדמיניסטראציע,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״איך בין שטאלץ צו שטיצן פראיעקטן ווי ׳וועסט ענד הייטס׳ וועלכס שטיצט פערזענליכע געזונטהייט און א בעסערע, גרינערע צוקונפט פאר ניו יארק.״

׳וועסט ענד הייטס׳ איז א טייל פון גאווערנער האוקול׳ס גאנץ-סטעיט׳יגע פלאן צו מאכן האָוזינג מער צוגענגליך, יושר׳דיג, און סטאביל. אין דעם לעצטנס-דורכגעפירטן סטעיט בודזשעט, האט דער גאווערנער מיט הצלחה פארזיכערט א נייע 25 ביליאן דאלערדיגער, פינף-יעריגער ארומנעמיגער האָוזינג פלאן וואס וועט העכערן האָוזינג סופליי דורך שאפן אדער אפהיטן 100,000 צוגענגליכע שטובער לענגאויס ניו יארק, אריינגערעכנט 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר מער-באדערפטיגע טיילן פון דער באפעלקערונג, אינאיינעם מיט די עלעקטריזירונג פון נאך 50,000 וואוינונגען.

׳וועסט ענד הייטס׳ איז א פינף-שטאקיגע, עלעוועיטער געביידע מיט 60 איינציג-שלאפצימערדיגע דירות הארט נעבן וואשינגטאן פארק. פינף פארעלטערטע געביידעס זענען צעווארפן געווארן אויף אפצורוימען דעם ארט פאר דער נייער געביידע, וועלכע פארמאגט אויך ערשטע שטאק אפיס פלעצער פאר׳ן דעוועלאפער און שטיצנדע סערוויס באזארגער, ׳לעיקוויו העלט סערוויסעס אינק.׳

פיר און פופציג פון די דירות זענען פאר הויזגעזינדער וואס פארדינען ביז 50 פראצענט פון די דורכשניטליכע פארדינסטן אין געגנט און זעקס דירות פאר הויזגעזינדער וואס פארדינען ביז 60 פראצענט פון AMI.

צוואנציג דירות זענען אוועקגעלייגט פאר מענטשן וועלכע האבן צוטריט צו רענט סובווענצן און שטיצנדע סערוויסעס פינאנצירט דורך דער ניו יארק סטעיט אפיס פאר גייסטישע געזונט. נאך 18 דירות פינאנצירט דורך דער עמפייער סטעיט שטיצנדע האָוזינג איניציאטיוו וועלן סערווירן געוועזענע היימלאזע פערזאנען וועלכע וועלן באקומען רענט סובווענצן און צוגעפאסטע סערוויסעס, ווי למשל באראטונג און טראומא ערהוילונג, אדמיניסטרירט דורך OMH.

באקוועמליכקייטן רעכענען אריין לאַנדרי איינריכטונגען, א קאמיוניטי צימער, א פארוויילונגס ארט אויף יעדן שטאק, א הויף, און 24-שעה פארזיכערטע אריינגאנג. דער דעוועלאָפּמענט געפונט זיך אין א פיסגייער-גינציגע געגנט און נעבן פובליק באס ליניעס, אריינגערעכנט ADA פאראטראנזיט, און שאַפּינג.

'וועסט ענד הייטס' איז אויספאלגנד מיט איטאקא'ס אייגענע גרינע געביידעס פּאָליסי און זוכט באשטעטיגונג דורך 'פירערשאפט אין ענערגיע און ענווייראנמענטאלע אויסשטעל' און 'ענערדזשי סטאַר סערטיפייד האָומס' פראגראם ווערסיע 3.1. ענערגיע-שפארעוודיגע אייגנשאפטן רעכענען אריין 'ענערדזשי סטאַר' אויסריכטונגען און LED באלייכטונג, פענצטער, אינסולעישען, לופט פארשליסן און נאך מאסנאמען אויף צו פארבעסערן אינעווייניגע לופט קוואליטעט, פולקאם אויסניצנדיג נאטורליכע ליכטיגקייט, מאקסימיזירן איינוואוינער באקוועמליכקייט, און רעדוצירן ענערגיע אויסניץ אין אלגעמיין און שפארן קאסטן. אין צוגאב צו זיין אויסגעשטאט מיט קעיבל און אינטערנעט, זענען פאראן הויכע-פונקציע גענצליך-עלעקטרישע הייצונג און קילונג סיסטעמען מיט איינציגווייזע קאנטראלס אין יעדע דירה.

סטעיט פינאנצירונג פאר 'וועסט ענד הייטס' רעכנט אריין פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג שטייער קרעדיטס וועלכע האבן געברענגט 11.4 מיליאן דאלער אין באזיצערשאפט און 4 מיליאן דאלער אין סובווענץ פון ניו יארק סטעיט 'האומס ענד קאמיוניטי ריניועל'. דער אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף האט באזארגט 3.7 מיליאן דאלער פון דעם היימלאזע האוזינג הילף פראגראם. די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט האט צוגעשטעלט 56,000 דאלער דורך דעם 'לאָו-רייז רעזידענשעל ניו קאנסטראַקשען' פראגראם. דער 'קאָמיוניטי פרעזערוועישען קאַרפּאָרעישען' האט געגעבן 8.1 מיליאן דאלער אין קאנסטרוקציע פינאנצירונג און 1.8 מיליאן דאלער אין קביעות'דיגע פינאנצירונג. דער טאמפקינס קאונטי קאמיוניטי האָוזינג דעוועלאָפּמענט פאָנד האט צוגעשטעלט 250,000 דאלער.

דער פראיעקט איז געווען א געשאנקענע פון דעם 'AIA 2022 ניו יארק סטעיט - עקסעלסיאָר אויסצייכענונג פרייז', א סטעיט-ברייטע אויסצייכענונג אנערקענונג פאר אויסגעצייכנטע אויסטיליזירונג אין פובליק פינאנצירטע פראיעקטן.

**'האומס ענד קאמיוניטי ריניועל' קאמיסיאנערין רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** "'וועסט ענד הייטס' ברענגט די הויכע קוואליטעט, ענערגיע-שפארעוודיגע וואוין-ערטער וואס קומט זיך פאר ניו יארקער און גלייכצייטיג העלפן ווייטער פירן דער שטאט איטאקא'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג צילן. די 60 דירות און די סערוויסעס פארבינדן מיט זיי זענען אומשאצבאר פאר די איינוואוינער, און דער גרינער אויסטיליזירונג וועט זיין א טובה פאר דער גאנצער קאמיוניטי. ביי 'האומס ענד קאמיוניטי ריניועל' זענען מיר אלעמאל דאנקבאר צו האבן די שטיצע פון אונזערע געטרייע, מיטגעפיליגע צוזאמארבעטער ווי 'לעיקוויו העלט סערוויסעס', און פון גאווערנער האוקול, וועלכע איבערצייגט טאג איין טאג אויס אז זי שטיצט פולשטענדיג די ווערד פון די האָוזינג וואס מיר באזארגן — פאר'ן יחיד, פאר'ן קאמיוניטי און פאר'ן סטעיט."

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף קאמיסיאנער דעניעל דאָבליו. טיעץ האט געזאגט,** "ניו יארקער וועלכע מאכן מיט היימלאזיגקייט שטייען אויס אפטמאל געזונטהייט און סאציעלע פלאגעניש וועלכע פארערגערן זייער אומסטאבילע וואוינונגס אומשטענדן. דעוועלאָפּמענטס וועלכע פּאָרן צוזאם

צוגענגליכע האָוזינג מיט שטיצע סערוויסעס ווי 'וועסט ענד הייטס' באזארגן פאר די מענטשן און זייערע פאמיליעס די שטיצע-מיטלען נייטיג פאר זיי צו קענען וואוינען מיט זעלבסט-עהרע און אין אן אייגענעם ארט. גאווערנער קעטי האוקול'ס אנגייענדע שטיצע פאר פראיעקטן פינאנצירט דורך דעם היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם צייגט איר שטארקע אנטשלאסנקייט צו אדרעסירן האָוזינג אומסטאביליטעט לענגאויס אונזער סטעיט."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענטקע און CEO דאריען עם. האריס האט געזאגט,** "מיר זענען דערפרייט צו זען דאס באנייען דעם 'וועסט ענד הייטס' פראיעקט מיט נייע שטיצנדע צוגענגליכע האָוזינג וועלכע פארברייטערט צוטריט צו געזונטע, ענערגיע-שפארעוודיגע און קלימאט-גינציגע וואוין-ערטער פאר געוויסע פון איטאקא'ס מערסט באדערפטיגע איינוואוינער. דער פראיעקט און אנדערע אזעלכע צייגן גאווערנער האוקול'ס אנגייענדע אנטשלאסנקייט צו רעדוצירן שעדליכע פארפעסטונג פון געביידעס און גלייכצייטיג פארזיכערן אז אלע ניו יארקער געניסן אין גלייכן אין די טראנזיציע צו א ריינע ענערגיע עקאנאמיע."

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר גייסטישע געזונט קאמיסיאנערין דר. ען סאליוואן האט געזאגט,** "פאר מענטשן וועלכע מאכן מיט און ערהוילן זיך פון גייסטישע קרענק, שפילט שטיצנדע האָוזינג א קריטיש-וויכטיגע ראלע. א זיכערע און סטאביל היים, מיט צוטריט צו פאסיגע סערוויסעס, שטיצט ווידערשטאנד-פעאיגקייט און שטעלט צו א יסוד וועלכס ערמעגליכט פאר מענטשן מיט גייסטישע קרענק צו וואוינען מיט הצלחה אין זייער אייגענער קאמיוניטי. 'וועסט ענד הייטס' וועט באזארגן הויכע קוואליטעט האָוזינג פאר קליענטן, וועלכס וועט מוטיגן זייער ערהוילונג און זעלבסטשטענדיגקייט."

**סטעיט סענאטאר טאָם א'מארא האט געזאגט,** ""וועסט ענד הייטס' איז א גאר-דערהייטערנדע נייע צוגאב צו דער איטאקא קאמיוניטי. סטעיט אינוועסטירונג און שטיצע אין צוזאמענארבעט מיט 'לעיקוויו העלט סערוויסעס' וועט שטארק פארבעסערן זיכערע און צוגענגליכע האָוזינג און שטיצע סערוויסעס פאר פילע ארטיגע איינוואוינער, ווי אויך פארשטערקערן די אלגעמיינע אומשטענדן און קוואליטעט פון דער קאמיוניטי בכלל."

**אסעמבלי-מיטגליד ענע קעלעס האט געזאגט,** "דער לאנד נייטיגט זיך שטארקן אין צוגענגליכע און שטיצנדע האָוזינג. 'לעיקוויו העלט סערוויסעס' באזארגט זיכערע, הויכע קוואליטעט, צוגענגליכע האָוזינג און ברייט-ארומנעמיגע סערוויסעס שוין יארן. דער 'וועסט ענד הייטס' פראיעקט וועט זיין א טובה פאר דער קאמיוניטי אין א צייט ווען אונזערע האָוזינג געברויכן זענען גאר הויעך געשטיגן."

**אמטירנדע איטאקא מעיאר לאורא לואיס האט געזאגט,** "עס פריידט מיך זייער אז 'וועסט ענד הייטס' האט געשאפן 60 צוגענגליכע האָוזינג יוניטס מיט איבער האלב פון די דירות באשטימט פאר מענטשן וועלכע נייטיגן זיך אין שטיצע סערוויסעס אויף צו קענען וואוינען פאר זיך. דאס איז א געווינס פאר אונזער קאמיוניטי. איך וויל דאנקען דעם פעדעראלער נידעריגע-איינקונפט האָוזינג שטייער קרעדיט פראגראם, עמפייער סטעיט שטיצנדע האָוזינג איניציאטיוו, 'האומס ענד קאמיוניטי ריניועל' שטיצנדע האָוזינג הילף פראגראם, ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונט, טאמפקינס קאונטי קאמיוניטי האָוזינג דעוועלאָפּמענט פאָנד, ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט, ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט'ס 'לאָו-רייז רעזידענשעל ניו קאנסטראָקשען' פראגראם, 'ענטערפרייז גרין קאמיוניטיס' פראגראם און 'לעיקוויו העלטקעיר סערוויסעס' פאר אנערקענען ווי וויכטיג עס איז צו באזארגן האָוזינג פאר אונזערע מערסט באדערפטיגע איינוואוינער אין א זיכערע און שטיצנדע סביבה וואס איז נאענט צו א ריי הילפס-מיטלען און ארבעט געלעגנהייטן."

**טאמפקינס קאונטי לעגיסלאטור פארזיצערין שאונא בלעק האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ מיט דער נייער האָוזינג דעוועלאָפּמענט אין אונזער קאמיוניטי, דאס איז גענוי די סארט האָוזינג וועלכס וועט העלפן

באזארגן האָוזינג און שטיצע פאר געוויסע פון אונזערע מערסט באדערפטיגע קאמיוניטי מיטגלידער. נישט נאר וועט דאס העלפן נידעריגע איינקונפט איינוואוינער, נאר עס וועט אויך שטיצן די וועלכע האבן מיטגעמאכט היימלאזיגקייט מיט סיי האָוזינג און סיי קאמיוניטי שטיצע. א יישר כח פאר ׳לעיקוויוּ העלט סערוויסעס׳ און ניו יארק סטעיט פאר זייערע אינוועסטירונגען און צוזאמארבעט, דאס איז א באגייסטערדיגן פראיעקט און נייע האָוזינג וואס אונזער קאמיוניטי איז דאנקבאר צו קענען האבן.״

**׳לעיקוויוּ העלט סערוויסעס׳ הויפט עקזעקיוטיוו באאמטער דר. הערי מערימען האט געזאגט,** ״איינע פון אונזערע הויפט צילן איז צוצושטעלן צוגענגליכע, סטאבילע, און זיכערע האָוזינג צוזאמגעפּאָרט מיט שטיצע סערוויסעס פאר די וועלכע נייטיגן זיך דערין אין אונזערע קאמיוניטיס. מיר האבן לאנג געהאט א בליק אויף פאראויס-פירן דעם ציל אין איטאקא, און דאס עפענען דעם ׳וועסט ענד הייטס׳ איז א ממשות׳דיגע פארווירקליכונג פון יענע בליק. מיר זענען איבערהויפט דאנקבאר פאר די שטיצע מיר האבן באקומען פון דער שטאט איטאקא און אונזערע ניו יארק סטעיט אגענטור צוזאמארבעטער: ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳, דער אפיס פאר גייסטישע געזונט, און די היימלאזע האָוזינג און הילף קארפארעישען. זייער אינוועסטירונג און צוזאמארבעט אין די קאנסטרוקציע פון דער הערליכער געביידע וועט פארבעסערן די לעבנס-קוואליטעט אין דער איטאקא קאמיוניטי אויף פילע קומענדיגע יארן.״

**דער ׳קאָמיוּניטי פרעזערוועישען קאָרפּאָרעישען׳ געגנט מאָרטגעדזש באאמטער פעטריק מילער האט געזאגט,** ״דער ׳וועסט ענד הייטס׳ פראיעקט ווייזט די כוח וואס מיסיע-געטריבענע אינוועסטירונגען אין האָוזינג קענען האבן אין סערווירן די אייגנארטיגע באדערפענישן פון א קאמיוניטי. די הערליכע נייע געביידע וועט זיין א צענטער-פונקט פאר דער איטאקא קאמיוניטי, דינענדיג אלס א וויכטיגע קוואל פון הויכע קוואליטעט צוגענגליכע האָוזינג וואס וועט באזארגן א זיכערע און שטיצנדע סביבה וואו אירע טענאנטן קענען וואוינען מיט די זעלבסט-עהרע און די רעספעקט וואס קומט זיך זיי. איך וויל דאנקען אונזערע צוזאמארבעטער ביי ׳לעיקוויוּ העלט סערוויסעס׳ פאר זייער בליק און איבערגעגעבנקייט צו דער איטאקא קאמיוניטי, ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ קאמיסיאנערין וויסנאוסקוס און איר טיעם פאר זייערע יארן צוזאמארבעט מיט CPC, און דער ניו יארק סטעיט אפיס פאר גייסטישע געזונט פאר זייער ארבעט און שטיצע.״

**׳נעשענעל עקוויטי פאָנד׳ וויצע פרעזידענטקע און ראיאנישע פארוואלטערין עמילי טשען האט געזאגט,** ״די אויפגאבע פון ׳נעשענעל עקוויטי פאָנד׳ איז צו ליפערן אינאווירנדע, צוזאמענגעארבעטע פינאנציעלע לייזונגס-מיטלען צו פארברייטערן דאס שאפן און אפהיטן צוגענגליכע האָוזינג. צוזאמארבעטער ווי ׳לעיקוויוּ העלט סערוויסעס׳ האבן געוויזן א ריזיגע מאס שאפערישקייט און איבערגעגעבנקייט אויף צו איינגלידערן שטיצנדע האָוזינג און גלייכצייטיג נאכקומען אלגעמיינע צוגענגליכע האָוזינג געברויכן.  אונזערע צוזאמארבעטער ביי דער סטעיט אגענטור שטאפל זענען געווען אינטעגראל אין מאכן ׳וועסט ענד הייטס׳ א ווירקליכקייט פאר אירע איינוואוינער און דער קאמיוניטי.״

**פארשנעלערן ׳סאָוטערן טיער סאָורינג׳**

דער היינטיגער מעלדונג דערגאנצעט ״סאָוטערן טיער סאָורינג״, דער ראיאן׳ס אויספירליכע בלופרינט אויף צו שאפן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. דער ראיאניש-געאייגנטער פלאן קאנצענטרירט זיך אויף צוציען א טאלאנטפולע ארבעטסקראפט, וואקסנדע ביזנעסער, און טרייבן אינאוואציע. איצט טוט דער ראיאן פארשנעלערן ׳סאָוטערן טיער סאָורינג׳ מיט א 500 מיליאן דאלערדיגע סטעיט אינוועסטירונג דורך דעם אפסטעיט ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו. דער סטעיט׳ס 500 מיליאן דאלער אינוועסטירונג וועט באלוינען פריוואטע ביזנעסער אויף צו אינוועסטירן פיל מער ווי 2.5 ביליאן דאלער — און דער ראיאן׳ס פלאן, ווי איינגעגעבן, טוט פאראויסזען ביז 10,200 נייע צוגעקומענע דזשאבס. מער אינפארמאציע איז צו באקומען [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418